בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

## פאר'ן שבת טיש

פרשת דברים
חזון
ד' אב שנת תש"פ
לפ"ק
שנה 1, גליון 8

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב



שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אִינְדֶערְפְרִי פַּרְשַׁת פִּנְחָס תש"פ לִפְרָט קָטָן הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען אִין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ג', דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חִגֵּר; דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט נָאךְ אַמָאל אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי מַעֲשֶׂה פוּן אָנְהוֹיבּ.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי:

מַעֲשֶׂה אַמָאל אִיז גִיוֶוען אַ חָכָם. פַּאר זַיין טוֹיט הָאט עֶר גִירוּפְן זַיינֶע קִינְדֶער אוּן זַיין מִשְׁפָּחָה אוּן הָאט זֵיי גִילָאזְט צַוָואָה. אַז זֵיי זָאלִין אָן טְרֶינְקֶען בֵּיימֶער. אִיר מֶעגְט עוֹסֵק זַיין אִין אַנְדֶערֶע פַּרְנָסוֹת אוֹיךְ. נָאר דָאס זָאלְט אִיר זֶעהְן תָּמִיד צוּ טָאן. אָן צוּ טְרֶענְקֶען בֵּיימֶער.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אָנְגֶעהוֹיבְּן: מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶעשְׁמוּעֶסְט פַארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ אַז מוֹהֲרַ"אשׁ אִיז מַסְבִּיר אִין נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן, 'אָן טְרֶינְקֶען בֵּיימֶער' גֵייט אַרוֹיף אוֹיף מְקָרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין גְרֶעסֶערֶער תַּעֲנוּג בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי אַ מֶענְטְשׁ פָּארֶעט זִיךְ אוּן טוּט צוּרִיק בְּרֶענְגֶען נָאךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען מִיט אַ מָשָׁל צוּ אַ טַאטֶע וָואס הָאט לֵיידֶער אַ קִינְד וָואס אִיז אַוֶועק פוּנֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַמִּצְווֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, דָאס קִינְד ווִיל מֶער נִישְׁט רֶעדְן מִיטְ'ן טַאטֶען, עֶר הָאט אָפְּגֶעהַאקְט אַלֶע קְשָׁרִים פוּן דִי מִשְׁפָּחָה וְכוּ' - וָואס מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין וָואס פַאר אַ צַעַר דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן דֶערְפוּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן נִישְׁט ווִיסְן דֶערְפוּן - זֵייעֶר צַעַר אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס לֹא עָלֵינוּ; אִיז גֶעקוּמֶען אַ מֶענְטְשׁ, אַ פְרֶעמְדֶער מֶענְטְשׁ, אוּן הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעלֵייגְט אִינֶעם מַצָּב, אוּן הָאט מְקָרֵב גֶעוֶוען דֶעם קִינְד אוּן גֶערֶעדְט שַׁיין צוּ אִים, בִּיז עֶר הָאט גֶע'פּוֹעֶל'ט בַּיים קִינְד עֶר זָאל מַאכְן שָׁלוֹם מִיטְ'ן טַאטֶען, אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ הֵייבְּט דֶער קִינְד אָן צוּרִיק צוּ רֶעדְן מִיטְ'ן טַאטֶען; ווִי אִיז נָאךְ דָא אַ גְרֶעסֶערֶער תַּעֲנוּג פַארְ'ן טַאטֶען ווִי דָאס אַז זַיין קִינְד רֶעדְט שׁוֹין מִיט אִים, עֶס אִיז זִיכֶער אַז דֶער טַאטֶע וֶועט מַכִּיר טוֹבָה זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס דָאס גֶעטוּן מִיט זַיין קִינְד, עֶר וֶועט אִים בַּאלוֹינֶען מִיט דָאס מֶערְסְטֶע וָואס עֶר קֶען, עֶר וֶועט אִים שֶׁענְקֶען אַלֶעס וָואס עֶר פַארְמָאגְט - פִּירְט אוֹיס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א - "דָאס אִיז אַ מֵפִיץ; וֶוען אַ אִיד דֶערְוַוייטֶערְט זִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְרוֹיס צַעַר דֶערְפוּן, קוּמְט אַ מֵפִיץ אוּן פַארְשֶׁעמְט זִיךְ וְכוּ' אוּן גֶעבְּט חִיזּוּק פַאר דֶעם אִיד אִים צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי אִיז נָאךְ דָא אַ גְרֶעסֶערֶער תַּעֲנוּג בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי דָאס וָואס דֶער מֵפִיץ הָאט גֶעטוּן, עֶר הָאט צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט אַ קִינְד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ תַּלְמִיד הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ דַארְף זִיךְ יֶעדְן טָאג פְּרֶעגְן: "וָואס הָאבּ אִיךְ הַיינְט גֶעטוּן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, צִי הָאבּ אִיךְ הַיינְט גֶעטוּן עֶפֶּעס אִין הֲפָצָה - אַנְטְפְּלֶעקְט פַאר נָאךְ אַ אִיד דִי לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן?"

<<<

## אַ וָוארְט פַארְן שַׁבָּת טִישׁ

מִיר גֵייעֶן יֶעצְט אַרַיין אִין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער שַׁבָּת - שַׁבָּת חֲזוֹן; דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס הָאט הֵיילִיגֶע אוֹיגְן קֶען זֶען שַׁבָּת חֲזוֹן וִוי דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הַשְּׁלִישִׁי בּוֹיעֶט זִיךְ אוֹיף"; דַארְפְן מִיר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְן מִיר זָאלְן הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן.

מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט בְּשֵׁם דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי מָרְדְכַי מְלֶעכֶעוִויטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן, דַארְף עֶר זִיךְ הִיטְן זַיינֶע אוֹיגְן; מִיט דֶעם טַייטְשְׁט עֶר דֶעם פָּסוּק (צְפַנְיָה ג, כ): "בְּשׁוּבִי אֶת שְׁבוּתֵיכֶם - לְעֵינֵיכֶם", וֶוען אִיר טוּט תְּשׁוּבָה - זָאלְט אִיר אָנְהֵייבְּן מִיט דִי אוֹיגְן; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מה.): "אֵין יֵצֶר הָרָע שׁוֹלֵט אֶלָּא בַּמֶּה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת", דֶער יֵצֶר הָרַע הֵייבְּט זִיךְ אָן בַּיי דִי אוֹיגְן, אָבֶער אַז מֶען הִיט דִי אוֹיגְן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ רֵיינֶע מֹחַ אוּן צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

(עֶצְתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת דְּבָרִים-חֲזוֹן שְׁנַת תשע"ח)

- דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט עֶטְלִיכֶע בֵּיישְׁפִּילְן וָואס מֶען קֶען טוּן אִין הֲפָצָה - מֶען קֶען גֵיין צוּ דִי הַייזֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי קוּנְטְרֵסִים פוּנֶעם רֶבִּי'ן וְכַדוֹמֶה; אָדֶער אַרוֹיס הֶעלְפְן אַן אַנְדֶערְן מֵפִיץ אִים טְרָאגְן אוֹיף אַ פְּלַאץ עֶר זָאל קֶענֶען גֵיין הֲפָצָה; אָדֶער הֶעלְפְן אִינֶעם 'בֵּית הַדְפוּס' מִיטְ'ן דְרוּקְן דִי סְפָרִים.

זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וַוייטֶער: דִי אַלֶע וָואס הֶעלְפְן דֶעם מוֹסָד אִין סַיי וֶועלְכֶע הִינְזִיכְט אִיז דָאס אוֹיךְ הֲפָצָה, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, דִי וָואס הֶעלְפְן דֶעם תַּלְמוּד תּוֹרָה וָואס אִין דֶעם תַּלְמוּד תּוֹרָה וֶוערְן נִתְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער צוּ גֵיין הֲפָצָה - הָאסְטוּ אוֹיךְ אַ חֵלֶק אִין זֵייעֶר הֲפָצָה, אָדֶער דִי וָואס הֶעלְפְן דֶעם שְׁטֶעטְל מִיט אַלֶע עִנְיָנִים, מִיטְ'ן עֵירוּב וְכַדוֹמֶה - דָאס אַלֶע אִיז הֲפָצָה, וַוייל פוּן דֶעם פְּלַאץ גֵייט אַרוֹיס אַ לִיכְטִיגְקֵייט אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן אַז דוּ הֶעלְפְסְט אַרוֹיס דֶעם פְּלַאץ הָאסְטוּ אַ חֵלֶק אִין אַלֶע פְּעוּלוֹת.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט: "עֶס זֶענֶען פַארְהַאן אִין דִי וֶועלְט אַסַאךְ קְהִלוֹת אוּן חַסִידוּת'עֶר, יֶעדֶער בַּארוּמְט זִיךְ: 'מִיר הָאבְּן טוֹיזְנְטֶער קִינְדֶער אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן אִין מֵיידְל שׁוּלֶע, מִיר הָאבְּן אַ כּוֹלֵל פוּן הוּנְדֶערְטֶער אִינְגֶעלַייט וְכוּ'; אָבֶער בַּיי אוּנְז אִין דִי מוֹסְדוֹת לֶערְנְט מֶען אוֹיס דִי קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים אַז עֶר זָאל אַ גַאנְץ לֶעבְּן זֶען צוּ אַנְטְפְּלֶעקְן פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן אַז עֶר קֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען, עֶר קֶען אוֹיךְ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת אוּן אַזוֹי וַוייטֶער - דָאס אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס".

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְּלֶעגְט אַלְץ חַזֶרְ'ן אַז עֶס אִיז דָא צְוֵויי סָארְט צַדִיקִים, עֶס אִיז דָא 'אַ צַדִיק אִין פֶּעלְץ' - עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן פְּרִי פַארְטָאגְס בִּיז שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, עֶר לֵייגְט אַרַיין גְרוֹיסֶע כֹּחוֹת אִין זַיין לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, וִוידֶער אִיז דָא אַ צַדִיק וָואס גֵייט אַרוֹיס פוּן זַיין וֶועג, אוּן בְּרֶענְגְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי חִילוּק צְוִוישְׁן אַבְרָהָם אָבִינוּ אוּן נֹחַ, נֹחַ אִיז גֶעוֶוען אַ צַדִיק, אַזוֹי וִוי דֶער תּוֹרָה זָאגְט (בְּרֵאשִׁית ו, ט): "נֹחַ אִישׁ צַדִיק תָּמִים הָיָה בְּדֹרֹתָיו", אָבֶער אַ צַדִיק פַאר זִיךְ, אָבֶער אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי וֶועלְט, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (זוֹהַר חָדָשׁ, פָּרָשַׁת נֹחַ) וֶוען נֹחַ אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען פוּן דִי תֵּיבָה אוּן גֶעזֶען וִוי דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז חָרוּב, הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען זֵייעֶר צוּ וֵויינֶען, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: "רַעְיָא שַׁטְיָא, דוּ נַארִישֶׁער פַּאסְטוּךְ, יֶעצְט וֵויינְסְטוּ? וֶוען אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט עֲשֵׂה לְךָ תֵּיבַת עֲצֵי גוֹמֶר, דֶעמָאלְט וָואלְסְטוּ גֶעדַארְפְט וֵויינֶען צוּ מִיר, אוּן מִתְפַּלֵל זַיין אַז עֶס זָאל נִישְׁט קוּמֶען קַיין מַבּוּל; וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּן, הָאסְט גֶעמַאכְט אַ תֵּיבָה אוּן זִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט - דוּ מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה, יֶעצְט וֵויינְסְטוּ אַז דִי וֶועלְט אִיז חָרוּב?!" דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ רֶעכְנְט דָארְט אוֹיס אַלֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן גֶע'טַעֲנָה'ט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען פַאר זֵייעֶר דוֹר וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַז עֶר גֵייט בְּרֶענְגֶען אַ שְׁטְרָאף אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן.

אוּן דָאס אִיז אוּנְזֶער אַרבֶּעט, נִישְׁט קוּקְן נָאר אוֹיף זִיךְ 'אִיךְ בִּין מְסוּדָר, אִיךְ וֵייס שׁוֹין פוּנֶעם רֶבִּי'נְס עֵצוֹת', נָאר פְּרוּבִּירְן דָאס אַרַיין בְּרֶענְגֶען אוֹיךְ אִין אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, זֵיי זָאלְן אוֹיךְ וִויסְן דֶערְפוּן.

דֶער נָאךְ אִיז דֶער חָכָם גִישְׁטָארְבְּן. אוּן הָאט גִילָאזְט קִינְדֶער. אוּן עֶר הָאט גִיהַאט אֵיין זוּן וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גִיקָאנְט גֵיין. שְׁטֵיין הָאט עֶר יָא גִיקָאנְט. נָאר גֵיין הָאט עֶר נִיט גִיקָאנְט.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: דָא קֶען זִיךְ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ טְרֶעפְן אִין דִי מַעֲשֶׂה, מִיר אַלֶע הִינְקֶען אוּנְטֶער אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט זָאגְן אוֹיף זִיךְ מִיט אַ זִיכֶערְקֵייט: "אִיךְ קֶען אָנְגֵיין אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם"; אֵיינֶער קֶען כָאטְשׁ שְׁטֵיין - עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן פַאלְט נִישְׁט אַרָאפּ טִיפֶער, אַ צְוֵוייטֶער קֶען דָאס אוֹיךְ נִישְׁט אוּן פַאלְט לֵיידֶער אַרָאפּ טִיפֶער אוּן טִיפֶער.

פְּלֶעגְן אִים דִי בְּרִידֶער גֶעבְּן סִיפּוּק אוֹיף זַיין פַּרְנָסָה. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים אַזוֹי פִיל גִיגֶעבִּין. בִּיז עֶס אִיז אִים נָאךְ אִיבֶּער גִיבְּלִיבְּן. הָאט עֶר זִיךְ צוּם אוֹיף גִיזַאמִילְט בִּיסְלִיךְ וַוייס דָאס וָואס עֶס אִיז אִים אִיבֶּער גִיבְּלִיבְּן חוּץ פַּרְנָסָה. בִּיז עֶר הָאט זִיךְ אָן גִיזַאמִילְט אַסַאךְ גֶעלְט. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. נָאךְ וָואס זָאל אִיךְ בַּיי זֵיי קִצְבָה נֶעמֶען בֶּעסֶער וֶועל אִיךְ אָן הֵייבִּין מַשָׂא וּמַתָּן צוּ טָאן אוּן כָאטְשֶׁע עֶר הָאט נִיט גִיקֶענְט גֵיין. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. עֶר וֶועט זִיךְ דִינְגֶען אַ פִיר מִיט אֵיין נֶאֱמָן מִיט אֵיין בַּעַל עֲגָלָה. אוּן וֶועט מִיט זֵיי פָארִין קֵיין לַייפְּצִיק. וֶועט עֶר קֶענֶען פִירִין דֶעם מַשָׂא וּמַתָּן. כָאטְשֶׁע עֶר קָאן נִיט גֵיין.

וִוי דִי מִשְׁפָּחָה הָאט דָאס דֶער הֶערְט אִיז דָאס זֵיי זֵייעֶר ווּאוֹיל גִיפֶעלִין. אוּן הָאבִּין אוֹיךְ גִיזָאגְט. נָאךְ וָואס זָאלִין מִיר אִים גֶעבִּין הַסְפָּקָה. בֶּעסֶער לָאז עֶר זִיךְ מַאכְן אֵיין פַּרְנָסָה. אוּן הָאבִּין אִים נָאךְ צוּ גִילֵיגֶען גֶעלְט. כְּדֵי עֶר זָאל קֶענֶען פִירִין דֶעם מַשָׂא וּמַתָּן. הָאט עֶר אַזוֹי גִיטָאן. אוּן הָאט זִיךְ גִידוּנְגֶען אַ פִיר אוּן אַ נֶאֱמָן אוּן אַ בַּעַל עֲגָלָה. אוּן אִיז גִיפָארְן. אוּן אִיז גִיקוּמֶען צוּ אֵיין קְרֶעטְשְׁמֶע. הָאט דֶער נֶאֱמָן גִיזָאגְט אַז מְ'זָאל דָארְט נֶעכְטִיגְן. הָאט עֶר נִיט גִיוָואלְט וָואס זֵיי הָאבִּין אִים גִיבֶּעטֶען. אוּן עֶר הָאט זֵיי אִיבֶּער גִישְׁפַּארְט. זֶענֶען זֵיי אַוֶועק גִיפָארִין פוּן דָארְט אוּן

זֶענֶען פַּאר בְּלָאנְזֶעט גִיוָוארִיטְן אִין אַ וַואלְד. זֶענֶען זֵיי אָן גִיפַּאלִין גַזְלָנִים.

און דִי גַזְלָנִים זֶענֶען גִיוָוארִין עַל פִּי מַעֲשֶׂה. עֶס אִיז אַמָאל גִיוֶוען הוּנְגֶער אִיז אֵיינֶער גִיקוּמֶען אִין שְׁטָאט אַרַיין און הָאט אוּיס גִירוּפְן. וֶוער עֶס וִויל עֶסִין זָאל צוּ אִים קוּמֶען. זֶענֶען צוּ אִים גִיקוּמֶען כַּמָה מֶענְשְׁן הָאט עֶר גִיזֶעהְן דִי מֶענְשְׁן וָואס קוּמֶען אִים נִיט צוּ נִיץ. הָאט עֶר זֵיי מַדְחֶה גִיוֶוען צוּ אֵיינֶעם הָאט עֶר גִיזָאגְט דוּ קָאנְסְט זַיין אֵיין בַּעַל מְלָאכָה. און צוּ דֶעם הָאט עֶר גִיזָאגְט דוּ קָאנְסְט זַיין אִין אַ מִיל. און הָאט אוּיס גִיקְלִיבְּן נָאר קְלוּגֶע יוּנְגֶען. און אִיז מִיט זֵיי גִיגַאנְגֶען אִין וַואלְד אַרַיין. און הָאט זֵיי אָן גִירֶעט אַז זֵיי זָאלִין וֶוערִין גַזְלָנִים. בַּאֲשֶׁר פוּן דַאנֶעט גֵייֶען וֶועגִין. קֵיין לַייפְּסִיק און קֵיין בְּרֶעסְלָא. און צוּ אַנְדֶערֶע עֶרְטֶער. פָארִין דָא דוּרְךְ סוּחְרִים. וֶועלִין מִיר זֵיי רַבִּיוֶוען. וֶועלִין מִיר הָאבְּן גֶעלְט (אַזוֹי הָאט דֶער גַזְלָן וָואס הָאט פְּרִיר אוּיס גִירוּפְן אִין שְׁטָאט זֵיי אָן גִירֶעט) זֶענֶען דִי גַזְלָנִים אָן גִיפַאלִין אוֹיף זֵיי (דְהַיְינוּ אוֹיף דֶעם וָואס הָאט נִיט גִיקָאנְט גֵיין און אוֹיף זַיינֶע מֶענְשְׁן דְהַיְינוּ דֶער נֶאֱמָן מִיט דֶעם בַּעַל עֲגָלָה).

דֶער נֶאֱמָן און דֶער בַּעַל עֲגָלָה הָאבִּין גִיקָאנְט אַנְטְלוֹיפֶען זֶענֶען זֵיי אַנְטְלָפִין גִיוָוארִין. און עֶר אִיז גִיבְּלִיבְּן אוֹיף דֶעם וָואגִין.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: "אַזוֹי גֵייט דִי וֶועלְט, אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט 'אִיךְ הָאבּ אַ גֶעטְרֵייעֶר חַבֶר', 'דֶעם חַבֶר קֶען אִיךְ גֶעטְרוֹיעֶן', אָבֶּער דִי אַלֶע חֲבֵרִים זֶענֶען נָאר גוּט וִוי לַאנְג עֶס גֵייט גוּט פַאר'ן מֶענְטְשׁ, אָבֶּער וֶוען מֶען פַאלְט אַרַיין אִין אַ צָרָה דֶעמָאלְט שָׁאקְלֶען זִיךְ אָפּ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַלֶע זַיינֶע 'גֶעטְרֵייעֶ' חֲבֵרִים און מֶען בְּלַייבְּט אֵיינֶער אַלֵיין".

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין חַזֶר'ן מִיט אוּנְז דוּרְכְאוֹיס אַלֶע יָארְן: "אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דִי וֶועלְט, אוֹיבּ הָאט עֶר יָא אֵיינֶעם אִיז עֶס דִי וַוייבּ"; הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א צוּגֶעלֵייגְט: מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעזָאגְט אַז דִי וַוייבּ אִיז דִי חַבֶר, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט נָאר גֶעזָאגְט 'אוֹיבּ' הָאט עֶר יָא אֵיינֶעם - אִיז עֶס דִי וַוייבּ, וַוייל וֶוען מֶען פַאלְט אַרַיין אִין צָרָה קֶען דִי וַוייבּ אוֹיךְ נִישְׁט הֶעלְפְן.

און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען: אַוַודַאי מֵיינְט דָאס נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּהַאקְן מִיט יֶעדְן און נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן מִיט אַנְדֶערֶע, וַוייל מֶען מֶעג שְׁמוּעֶסְן און עֶס אִיז גוּט צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט אַנְדֶערֶע, מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט דִי וַוייבּ און קִינְדֶער, אָבֶּער נָאךְ אַלְץ דַארְף מֶען וִויסְן דֶעם הַקְדָמָה אִין לֶעבְּן אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים און אַ מֶענְטְשׁ אִיז אֵיינֶער אַלֵיין, וַוייל אַז עֶס וֶועט זִיךְ מַאכְן אַ שְׁוֶוערִיקֵייט, אַ צָרָה אִין לֶעבְּן, וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן זֶעעֶנְדִיג וִוי אַלֶע זַיינֶע גֶעטְרֵייעֶ חֲבֵרִים הָאבְּן אִים אִיבֶּער גֶעלָאזְט, וַוייל עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין אַיינְגֶע'חַזֶר'ט פוּן פָארְאוֹיס אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז נִישְׁט דָא אוֹיף וֶועמֶען זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן - נָאר אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶועט אַ מֶענְטְשׁ פְרֶעגְן: "אוֹיבּ אַזוֹי, אַלֶע מַיינֶע חֲבֵרִים קֶענֶען מִיר נִישְׁט הֶעלְפְן, וֶוער וֶועט מִיר יָא הֶעלְפְן אִין מַיינֶע שְׁוֶוערֶע צַייטְן?"; דִי אַלֶע מִצְוֹת און גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער מֶענְטְשׁ טוּט, עֶר טְרָאגְט אַ קַאפְּל, צִיצִית, עֶר טוּט אָן תְּפִילִין, עֶר דַאוֶוענְט שַׁחְרִית, מִנְחָה און מַעֲרִיב, עֶר לֶערְנְט אַבִּיסְל פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, בְּלֶעטֶער גְמָרָא - דָאס בְּלַייבְּט זִיכֶער מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ, און דָאס וֶועט אִים הֶעלְפְן און זַיינֶע שְׁוֶוערֶע צַייטְן, און דִי אַנְדֶערֶע זַאכְן, דִי וַוייבּ, דִי הוֹיז וְכוּ' - דָאס הָאט דֶער מֶענְטְשׁ נָאר אוֹיף אַבִּיסְל.

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס פוּן 'שָׁלוֹם בַּיִת'. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן: אִיךְ פִיר זִיךְ צוּ רֶעדְן בַּיי סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת פוּן שָׁלוֹם בַּיִת; דַארְף מֶען וִויסְן אַז אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט דַארְף שְׁטֶענְדִיג דַאנְקְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ אַ וַוייבּ, יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ קִינְדֶער.

דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט אַלְץ צוּם מֶענְטְשׁ פַארְדְרֵייעֶן אַ קָאפּ 'וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ אַנְדֶערֶע פְרוֹי וָואלְט גֶעוֶוען בֶּעסֶער פַאר מִיר וְכוּ'"; זָאגְן אָבֶּער דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (יוֹמָא פו:): "הֵיכִי דָמִי בַּעַל תְּשׁוּבָה? בְּאוֹתָהּ אִשָּׁה" - אַז עֶס קוּמְט אִים אוּנְטֶער דִי זֶעלְבֶּע פְרוֹי צוּ טוּן אַן עֲבֵירָה, "וּבְאוֹתוֹ פֶּרֶק" - עֶס קוּמְט אִים אוּנְטֶער דִי זֶעלְבֶּע צַייט וָואס עֶר קֶען נָאכְאַמָאל אַרָאפְּפַאלְן, "וּבְאוֹתָהּ מָקוֹם" - אִין דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ, און עֶר זִינְדִיגְט נִישְׁט, דָאס אִיז אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה. אִיז מוֹהֲרָא"שׁ עֶס מַסְבִּיר, וָואס הֵייסְט אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה? אֵיינֶער וָואס דְרֵיידְט נִישְׁט קַיין קָאפּ מִיט תֵּירוּצִים, זָאגֶענְדִיג: "נֶע, אִיךְ אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד, וַוייל אִיךְ הָאבּ אַזַא און אַזַא וַוייבּ, וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעהַאט אַ אַנְדֶערֶע וַוייבּ וָואלְט אִיךְ גֶעוֶוען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", אָדֶער: "נֶע, הַיינְטִיגֶע צַייטְן, און אִין דֶעם פְּלַאץ וואוּ אִיךְ וואוֹין, קֶען מֶען נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד, וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעוואוֹינְט נֶעבְּן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה... אָדֶער וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעלֶעבְּט אִין דִי צַייטְן פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב, אִיךְ וָואלְט גֶעטְרָאגְן דֶעם פַארְצַייטִישְׁן שְׁטְרַיימְל מִיט שְׁפִּיצְן וָואלְט אִיךְ זִיכֶער תְּשׁוּבָה גֶעטוּן", דֶער אִיז נִישְׁט אַ 'בַּעַל תְּשׁוּבָה' נָאר אַ 'בַּעַל תֵּירוּצִים'; אַ מֶענְטְשׁ וָואס בַּאשׁוּלְדִיגְט נִישְׁט קֵיינֶעם, נִישְׁט זִיךְ און נִישְׁט זַיינֶע אָרוּמִיגֶע, זַיינֶע עֶלְטֶערְן,

און זַיין וַוייבּ - דֶער אִיז אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה. דֶערְפַאר זָאגְן אוּנְז חֲזַ"ל: הֵיכִי דָמִי בַּעַל תְּשׁוּבָה? בְּאוֹתָהּ אִשָּׁה" - מִיט דֶעם פְּרוֹי וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן, "וּבְאוֹתָהּ פֶּרֶק" - און אִין דֶעם יָאר וִוי מֶען שְׁטֵייט הַיינְט, תש"פ, "וּבְאוֹתוֹ מָקוֹם" - אִין דֶעם פְּלַאץ וואו דו וואוינְסְט, - אָן קַיין תֵּירוּצִים.

און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט: "מֶען הֶערְט צוּמָאל אִינְגֶעלַייט זָאגְן "אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אִיךְ וֶועל חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועט מִיר גְרִינְגֶער וֶוערְן וְכוּ', לְמַעֲשֶׂה מַיין וַוייבּ אִיז נִישְׁט גֶענוּג גוּט פַאר מִיר וְכוּ', עֶס אִיז נִישְׁט מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט" וְכוּ', - זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א - טוּ תְּשׁוּבָה וֶועט דַיין וַוייבּ זַיין גוּט צוּ דִיר, וֶועסְטוּ שׁוֹין הַנָאָה הָאבְּן פוּן דַיין וַוייבּ, און דַיין לֶעבְּן וֶועט דִיר וֶוערְן שֶׁענֶער און בֶּעסֶער".

זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וַוייטֶער: אָבֶּער אוֹיף תְּשׁוּבָה דַארְף מֶען הָאבְּן 'סַבְלָנוּת' - גֶעדוּלְד, וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ו') וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל תְּשׁוּבָה טוּן זָאגְט מֶען אִים: 'הַמְתֵּן' - וַוארְט; אַ גוּטֶע זַאךְ נֶעמְט צַייט, וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט, מֶען דַארְף וַוארְטְן אַבִּיסְל בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דֶערְצוּ".

דֶערְצֵיילְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אוֹיף 'קוֹל בְּרֶסְלֶב' בַּיי דִי נֵייעֶ אָפְּטֵיילוּנְג פוּן 'שִׂיחוֹת חֲבֵרִים' וִוי אֵיינֶער פְרֶעגְט פַארְוָואס וֶוען אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף גַשְׁמִיוּת בַּאקוּם אִיךְ גְלַייךְ מַיין גֶעבֶּעט אָבֶּער וֶוען אִיךְ בֶּעט אוֹיף רוּחָנִיוּת נֶעמְט עֶס צַייט, אִיךְ בַּאקוּם עֶס נִישְׁט גְלַייךְ; דֶער רֶבִּי עֶנְטְפֶערְט שׁוֹין אוֹיף דֶעם דֶער תֵּירוּץ, זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד גֶעדוֹיעֶרְט לֶענְגֶער צוּ בַּאקוּמֶען וִוי סַיי וָואס פַאר אַ אַנְדֶערֶע זַאךְ.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז לְגַבֵּי 'שָׁלוֹם בַּיִת'; דֶער עִיקָר פוּן אַ שְׁטוּבּ אִיז צוּ הָאבְּן 'סַבְלָנוּת' - גֶעדוּלְד, און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן אַ בֵּיישְׁפִּיל, אַ אִינְגֶערְמַאן קוּמְט אַהֵיים שַׁבָּת צוּפְרִי פוּן שׁוּל און זֶעט וִוי דִי גַאנְצֶע נֶעכְטִיגֶע סְעוּדָה אִיז נָאךְ אוֹיפְ'ן טִישׁ, גֶענוֹי וִוי מֶען הָאט עֶס נֶעכְטְן אִיבֶּער גֶעלָאזְט נָאךְ דִי סְעוּדָה, אַנְשְׁטָאט זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן אוֹיף דִי וַוייבּ: "פַארְוָואס קֶענְסְטוּ נִישְׁט אָנְגְרֵייטְן דִי סְעוּדָה!? וְכוּ'", נֶעם דוּ דִי מִיה און רוּים אָפּ דִי נֶעכְטִיגֶע שְׁמוּץ און הֶעלְף אִיר אָנְגְרֵייטְן אַ סְעוּדָה, (אַגַב הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט, בַּיי מִיר גְרֵייט מֶען שׁוֹין אָן שַׁבָּת בַּיינַאכְט גְלַייךְ נָאךְ דִי סְעוּדָה דִי טִישְׁטוּךְ, חַלוֹת, עֶסְצֵייג, זַאלְץ און אַזוֹי וַוייטֶער, פַאר דִי סְעוּדָה פוּן שַׁבָּת צוּפְרִי).

און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט: אַ אִינְגֶערְמַאן דַארְף יֶעדְן טָאג פְרִישׁ זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין 'שָׁלוֹם בַּיִת', וַוייל יֶעדְן טָאג קוּמְט אוּנְטֶער נֵייעֶ זַאכְן צוּ צֶעשְׁטֶערְן דִי שָׁלוֹם בַּיִת, יֶעדְן טָאג אִיז דָא נֵייעֶ סִיבּוֹת פַארְוָואס זִיךְ צוּ קְרִיגְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן.

אַ אִינְגֶערְמַאן דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זַיין וַוייבּ, אִיר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אָדֶער אַוֶועק מַאכְן חַס וְשָׁלוֹם, און דָאס בַּאקוּמְט מֶען אַז מֶען הָאט 'סַבְלָנוּת'.

לֵיידֶער זֶענֶען דָא נַארִישֶׁע קְלֵיינְקֶעפְּלְדִיגֶע אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער, זָאגֶענְדִיג: "מַיין וַוייבּ אִיז צוּ פַארְמַאכְט, זִי פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קַיין עֵסֶק, זִי אִיז נִישְׁט אָפְן צוּ דִי וֶועלְט וְכוּ'", אַנְשְׁטָאט זֵיי זָאלְן מַחְשִׁיב זַיין דִי וַוייבּ אַז זִי גֵייט אָנְגֶעטוּן בִּצְנִיעוּת, און זִיךְ פְרֵייעֶן אַז זֵיי הָאבְּן אַ עֶרְלִיכֶע וַוייבּ אַ מַאמֶע פַאר זַיינֶע קִינְדֶער, אַ מַאמֶע וָואס אִיר גַאנְצֶע מֹחַ אִיז נָאר אִירֶע קִינְדֶער, וִוי אַזוֹי זֵיי מְחַנֵךְ צוּ זַיין מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, אַ מַאמֶע וָואס גִיסְט אָפּ דִי קִינְדֶער נֶעגְל וַואסֶער, אַ מַאמֶע וָואס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע מִיט דִי קִינְדֶער וְכוּ', זוּכְן זֵיי וִוי קֶען אִיךְ מֶער אוֹיפְרַייסְן מַיין וַוייבּ וְכוּ', וִוי קֶען אִיךְ אַרַיין בְּרֶענְגֶען מַיין וַוייבּ אִין דִי גוֹי'אִישֶׁע וֶועלְט; וָואס וֶועט דִיר דָאס צוּגֶעבְּן אִין לֶעבְּן?!

און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט: "אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט דַארְף עֶר זַיין בַּיינַאכְט אִינְדֶערְהֵיים, נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען טֶעג און יָארְן מִיט חֲבֵרִים, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ. וַוייל דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע חַבֵר וָואס אִיז דָא אִיז דֶער מַאן פַאר זַיין וַוייבּ און דִי וַוייבּ פַאר אִיר מַאן, זֵיי בְּלַייבְּן שְׁטֶענְדִיג אִינְאֵיינֶעם. דִי אַלֶע וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ בַּיינַאכְט אוֹיפְ'ן גַאס זֶענֶען בְּדֶרֶךְ כְּלַל מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין שְׁטוּבּ, אָדֶער זֶענֶען זֵיי גֶע'גֶט לֹא עָלֵינוּ, אָדֶער הַאלְטְן זֵיי פַאר אַ גֶט וְכוּ'; וָואס זוּכְט אַ אִינְגֶערְמַאן אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטוּבּ בַּיינַאכְט?!"

אֵיינֶער פוּן דִי אִינְגֶעלַייט הָאבְּן מִיר דֶערְצֵיילְט עֶר אִיז גֶעוֶוען מוֹצָאֵי שַׁבָּת אִין ... הָאט עֶר בַּאגֶעגֶענְט זַיינֶע חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט מִיט אִים אִין יְשִׁיבָה, הָאבְּן זֵיי אִים גֶערוּפְן עֶר זָאל מִיטְהַאלְטְן זֵייעֶר וֶועכֶענְטְלִיכֶע 'מְלַוֶה מַלְכָּה' וָואס זֵיי פְרַאוֶוען, דֶערְצֵיילְט דֶער אִינְגֶערְמַאן, עֶס אִיז גֶעוֶוען צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַ טָאפּ זוּפּ, מִיט קְנֵיידְלֶעךְ און לָאקְשְׁן... מֶען אִיז גֶעזֶעסְן און גֶעשְׁמוּעֶסְט בִּיז פַארְטָאגְס אַרַיין און אַזוֹי פִירְן זֵיי זִיךְ יֶעדֶע וָואךְ; זָאגְט דֶער אִינְגֶערְמַאן: אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, 'אִיךְ בִּין דָא גֶעוֶוען אֵיינְמָאל, אָבֶּער פַארְבְּרֶענֶען און אָפְּשְׁמוּעֶסְן וֶועכֶענְטְלִיךְ דִי נֶעכְט, וָואס גֵייט פָאר מִיט זֵיי?!'

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן.

(סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ג' מְחִיגֶר - חֵלֶק ב'

(פָארְגֶעלֶערְנְט שַׁבָּת קֹדֶשׁ פַּרְשַׁת פִּינְחָס תש"פ לפ"ק)